# פֿון "אוי, ייִדיש, איך האָב דיר ליב"

## משה דוד חייט

ליבע. דאָס איידעלע וואָרט וואָס באַדײַט פֿיל וואָס אין לעבן. עס זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿיל געוווינהייטן אין משך פֿון טויזנטער יאָרן, נאָר ליבע איז געבליבן, נאָך פֿון אדם הראשון עד־היום. ...

ליבע הערשט נישט נאָר צווישן מענטשן, נאָר אויך צווישן מענטש און אַנדערע באַשעפֿענישן. עס איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ ליבע צו שפּײַז אָדער בגד און אַ ליבע צו אַ שפּראַך, צום בײַשפּיל — צו ייִדיש, און פֿאַרוואָס טאַקע צו ייִדיש און נישט צו טערקיש? ווײַל ערשטנס ייִדיש האָט מיר געלערנט מײַן מאַמע און באָבע און צווייטנס ווער ווייסט דען נישט דעם שפּריכוואָרט אַז עבֿרית רעדט מען און ייִדיש רעדט זיך. קיינער טראַכט דאָך נישט, אַז טערקיש רעדט זיך — דאָס איז אפֿשר בײַ די טערקן אָבער נישט בײַ די ייִדן.

חוץ מזה איז מיר געקומען די טעמע צום געדאַנק נאָך אייניקע דערפֿאַרונגען.

וואָס איז דער ציל פֿון אַ ייִדישן שרײַבער ווען ער גיט אַרויס אַ בוך? פֿאַרשפּרייטן אים עס זאָל נאָך בלײַבן אַ שפּור אין לעבן פֿאַר די קומעדיקע דורות וועגן אַקטועלע דערמאָנונגען, זכרונות, איבערלעבונגען אאַ"וו.

עס איז אָבער לײַכט צו שרײַבן: פֿאַרשפּרייטן. די גרעסטע האָפֿענונג איז אויף ארץ־ישׂראל. דאָ זײַנען די מערסטע אײַנוווינער — ייִדן. פֿיל פֿון זיי קענען ייִדיש און רעדן אויף די שפּראַך. און אַז גאָט העלפֿט און אין ירושלימער אוניווערסיטעט ווערט אָרגאַניזירט אַ קאָנגרעס וועגן ייִדישקייט איז, ווי געזאָגט, די פֿיש אין דײַנע הענט. טראָגט זיך דער מחבר מיט זײַן בוך, ווי מיט אַן אָקאָרשט געבוירן קינד, צו די אָנטיילנעמער פֿון קאָנפֿערענץ. טאַקע אין דעם בוך זײַנען פֿאַראַן דערציילונגען וועגן גורל פֿון ייִדנטום אונטער די הערשאַפֿט פֿון היטלערן און סטאַלינען.

— וואָס, דו ווילסט דאָ פֿאַרקויפֿן ביכער? — פֿרעגט אים אַ מיטאַרבעטערין פֿון אוניווערסיטעט.

— יאָ, פֿאַרוואָס טאַקע נישט? נישט קיין ביכער, נאָר אַן אייגן בוך — באַרימט זיך דער מחבר.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בוך?

ווײַזט ער איר דאָס בוך.

די האָט זיך נעבעך געביטן אין פּנים. געל און ווײַס איז זי געוואָרן.

— וואָס, אויף ייִדיש? בײַ אונדז אויפֿן שטח פֿון אוניווערסיטעט איז פֿאַרבאָטן צו האַנדלען מיט ביכער.

— אפֿשר זאָל איך רעדן מיטן מנהל?

— איך בין דער מנהלת.

אָבער ליבע איז אַן איידעלע זאַך און מיט ליבע וואַרפֿט מען זיך נישט אַרום, איז דער ליבהאָבער, ד"ה דער מחבר געזעסן לעבן אוניווערסיטעט פֿאַרצווייפֿלט מיט זײַנע אויסגעלייגטע ביכער. ...

— ווייסט אַז אין אוניווערסיטעט זײַנען פֿאַראַן קלייטן, וואָס האַנדלען מיט ביכער? זיי באַקומען דאָס פֿון זייער אַ פֿאַרלאַג — זאָגט דעם מחבר אַ יונגערמאַן. — גיי צו זיי און זיי וועלן פֿאַרקויפֿן דײַן בוך. דו דאַרפֿסט שרײַבן אָבער נישט פֿאַרנעמען זיך מיטן פֿאַרקויפֿן.

טאַקע, פֿאַרוואָס נישט אויסניצן די עצה?

— מיר האַנדלען מיט ביכער, אָבער נאָר מיט די וועלכע עס גיט אַרויס דער אוניווערסיטעט, דאָס הייסט אייגענע, נישט קיין פֿרעמדע. איך האָב טאַקע ליב ייִדיש — זאָגט ער שוין דאָס אויף מאַמע-לשון — דערפֿאַר איז כּדאַי דיר צו ווענדן אין אַ ייִדישן פֿאַרלאַג.

באַקום איך אַ נײַע עצה פֿון דעם מנהל.

פֿאָרט דער מחבר קיין תּל-אָבֿיבֿ.

— מיר קענען נעמען בלויז צען ביכער, דאָס אַלץ. ווען מיר וועלן אויספֿאַרקויפֿן די אָ, וועלן מיר נעמען נאָך צען.

— אַ דאַנק. אָבער וואָס טאָן מיט די איבעריקע? — פֿרעגט דער מחבר.

— דער וואָס זוכט, דער געפֿינט. זוך, וועסטו געוויס געפֿינען.

גייט דער מחבר צוריק אַהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

נאָר אַז מע טראַכט דערטראַכט מען זיך. דער מחבר האָט זיך דערמאָנט אַז בײַם אוניווערסיטעט אין מוזעום "יד ושם" איז דאָ אַ קיאָסק וואָס האַנדלט מיט ביכער. דאָ זײַנען דאָ ביכער אויף ענגליש און דײַטש, רוסיש און פּויליש, פֿראַנצייזיש און עבֿרית און צענדליקער אַנדערע שפּראַכן. ס'איז בלויז נישטאָ אויף ייִדיש, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שפּראַך פֿון אַן אַנדער וועלט. דאָ קומען יעדן טאָג טויזנטער טוריסטן פֿון דער גאָרער וועלט, און פֿיל פֿון זיי ייִדן, און געוויס אַזעלכע וועלכע קענען ייִדיש. דער מחבר נעמט אַרויס פֿון טאַש זײַן בוך און לייגט פֿאַר דעם מנהל צו נעמען עטלעכע ביכער צום פֿאַרקויף.

— בײַ אײַך אין געשעפֿט זײַנען דאָך קיין ייִדישע ביכער נישט פֿאַראַן.

— נישט פֿאַראַן און ס'וועט נישט זײַן. איך אַרבעט שוין דאָ פֿופֿצן יאָר און איך האָב שוין אַרויסגעוואָרפֿן הונדערטער ביכער און מאַנוסקריפּטן.

— וואָס, ייִדישע?

— וואָס איז די נפֿקא-מינה: ייִדישע, נישט ייִדישע, אפֿילו העברעיִשע. קיינער פֿרעגט דאָך נישט.

— אַז עס איז נישטאָ אויף די פּאָליצעס פֿרעגט מען נישט. איך בעט דאָך נישט פֿון פֿאָרויס קיין געלט. וועט איר פֿאַרקויפֿן, איז גוט, און אויב נישט, איז גוט.

— ניין, און נאָך אַ מאָל ניין. קיין ייִדישע ביכער וועל איך נישט נעמען — האָט מיר דער מנהל געענטפֿערט אויף ייִדיש.

נו, ווי געפֿעלט עס אײַך. ייִדיש איז טריף-פּסול. דעם מנהל האָט אפֿילו נישט אינטערעסירט דער אינהאַלט פֿון בוך. ער האָט עס אָפּגערוקט פֿון זיך ווי קאָכעדיקע וואַסער.

נאָט איר שוין אַז שׂנאה און ליבע זײַנען אין איין ריי.

אָבער מע טאָר נישט פֿאַרלירן די האָפֿענונג. און אַזאַ האָט זיך באַוויזן: עס האָט זיך צונויפֿגערופֿן אַ וועלט-קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישן אַלוועלטלעכן קולטור-קאָנגרעס, און דווקא אין ישׂראל. עס זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן דעלעגאַטן פֿון איבער צוואַנציק לענדער פֿון דער וועלט. די קאָנפֿערענץ איז געווען איינע פֿון די גרעסטע פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן.

אַלע רעדנער האָבן גערעדט אַ שיינעם, ריינעם ייִדיש, מיט ליבע און האַרציקייט, און זיך געשלאָגן אין ברוסט על-חטא אַז מע מוז קעמפֿן פֿאַרן קיום און צוקונפֿט פֿון אונדזער זאַפֿטיקן ייִדיש.

וואָס טוט דער מחבר? ער כאַפּט מיט זיך אַ פּעקל פֿון זייַן בוך און איז זיכער אַז צוריק וועט ער פֿאָרן מיט ליידיקע הענט. איין קלייניקייט — אַ וועלט-קאָנפֿערענץ, אַזוי פֿיל וואַרעמקייט לטובֿת ייִדיש. פֿיר טעג איז געווען די קאָנפֿערענץ. פֿיר טעג איז דער מחבר געזעסן בייַם אַרייַנגאַנג פֿון זאַל מיט פֿונאַנדערגעלייגטע ביכער. דאָס פּעקל האָט ער געשלעפּט צוריק. די ליבע צו ייִדיש איז נאָר אין די רייד. קיינעם האָט נישט פֿאַראינטערעסירט דער אינהאַלט פֿון בוך. קיינער כמעט האָט זיך נישט פֿאַרהאַלטן אַ קוק צו טאָן וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בוך.

— וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרזאָרגט? — זאָגט דער מחבר זייַנער אַ פּען-חבֿר. — צי דען זעסטו נישט אַז שרייַבער אויף ייִדיש זייַנען מער פֿאַראַן ווי לייענער? נעם זיך נישט צום האַרצן. רעדן איז לייַכטער ווי לייענען. — און ער איז שטילערהייט און פּאַמעלעך אַוועק. ...

אוי מאַמע, אוי טאַטע, באָבע, זיידע, וווּ זייַט איר מיט אייַער פּרעכטיקן, פֿריילעכן, טרויעריקן און זאַפֿטיקן ייִדיש. די ליבע וועלכע איר האָט פֿאַרזייט איז באַוואַקסן מיט דערנער.

ירושלים תּשנ״ח